# Olifanten bij nacht

**Avraham Sutzkever**

**Jagerslied**

Olifanten bij nacht, als logge geesten
die zich op de rij af
komen baden in een meer
zijn geen olifanten,
zij dragen slechts een masker.
Ik, de jager van de nacht,
die heeft aanschouwd hoe sterren
veranderen in antilopen –
ik loerde eens tussen het struikgewas
bij een rivier naar zeven
maanbeschenen olifanten
die naar de oever kwamen

Een ogenblik sloeg elk van hen
het water gade, of er niemand was die keek,
en deed daarna het olifantenmasker af,
de oren, tanden, en de lange slurf,
totdat zich voor mijn ogen
zeven meisjes toonden.
Zeven meisjes klieven met hun borst het water,
welven zich als toverstralen,
zwemmen, zwemmen.

Ik wist: zij zullen weldra teruggaan, en zich hullen
in oren, slurven om weer olifant te worden.
En stiller dan een slang besloop ik hun vermomming,
nam één masker mee, verstopte mij opnieuw.
En toen de zeven meisjes, in paarlemoeren floers,
zich weer tot olifant vermomden,
ontbrak voor één een masker, en zij bleef
naakt zitten op een steen, met bibberende leden,
eenzaam, onbemind, in ongenade.

En ik, de jager,
ben met haar getrouwd, een meisje zonder masker.

■





# העלפֿאַנדן בײַ נאַכט

## אברהם סוצקעווער

**יעגערליד**

העלפֿאַנדן בײַ נאַכט, ווי שווערע גײַסטער
וואָס קומען אײנער נאָכן צווייטן
באָדן זיך אין טײַך,
זענען ניט קיין העלפֿאַנדן,
זיי טראָגן בלויז א מאסקע.
איך, דער יעגער פֿון די נעכט,
וואָס האָב געזען ווי שטערן
פֿארוואנדלען זיך אין אנטילאָפּן –
האָב אמאָל בײַם וואסער
נאָכגעלויערט, צווישן גראָז, אויף זיבן
לבנהדיקע העלפֿאַנדן
וואָס ציען זיך צום ברעג.

יעדער האָט א ווײַל באטראכט דעם טײַך
צי קיינער זעט ניט,
און אויסגעטאָן די העלפֿאַנדישע מאסקע.
אויסגעטאָן די אויערן, די ציין, די לאנגע נעזער –
און ס'האָבן זיך אנטפּלעקט פֿאַר מײַנע אויגן
זיבן מיידלעך.
זיבן מיידלעך שנײַדן-אויף דאָס וואסער מיט די בריסט,
בייגן זיך ווי רייצנדיקע שטראלן,
שווימען, שווימען.

כ'האָב געוווּסט: זיי וועלן באלד צוריקשווימען, און אָנטאָן
די אויערן, די נעזער – ווערן העלפֿאַנדן אויף ס'נײַ.
און שטילער פֿון א שלאנג בין איך דערקראָכן צו די מאסקעס,
מיטגענומען איינע און באהאלטן זיך צוריק.
און ווען די זיבן מיידלעך, אין א הילעניש פֿון פּערל,
האָבן זיך גענומען אָנטאָן אין די העלפֿאַנדקליידער –
האָט פֿאַר איינער אויסגעפֿעלט א מאסקע, און פֿארבליבן
איז זי נאקעט אויף א שטיין, מיט ציטערדיקער הויט,
אָן א פֿרײַנד, אָן צערטלעניש, אָן לאסקע.

און איך, דער יעגער,
האָב חתונה געהאט מיט איר – א מיידל אָן א מאסקע.

■



